# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת חקת, ל' סיון, ז' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 39 (657)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:08
מוצאי שב"ק......................9:39

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........................... ירמיה יב-יג
בבלי...................... בבא בתרא יח
ירושלמי...................... פסחים נו
תוספתא....................... חולין ה
רמב"ם.............. בית הבחירה ח

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל

דֶער פָּסוּק דֶערְצֵיילְט (בַּמִּדְבָּר כ"א, ה - ט) אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "לָמָּה הֶעֱלִיתָנוּ מִמִּצְרַיִם", פַּארְוָואס הָאבְּן אַייךְ אוּנְז אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן מִצְרַיִם, "לָמוּת בַּמִּדְבָּר", צוּ שְׁטַארְבְּן אִין דֶעם מִדְבָּר, "כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם", וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער, "וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל", אוּן אוּנְזֶער זֶעהל אִיז פַאר'מִיאוּסְ'ט דוּרְךְ דֶעם גְרִינְגְן בְּרוֹיט, דָאס מֵיינְט אַז דֶער מָן אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי גֶעוֶוענְלִיכֶע עֶסְנְוַוארְג וָואס נָאכְדֶעם וָואס מֶען עֶסְט דָאס אוֹיף גֵייט אַ גְרוֹיס חֵלֶק דֶערְפוּן אַרוֹיס פוּנֶעם קֶערְפֶּער, דֶער מָן אִיז אַנְדֶערְשׁ, דָאס וֶוערְט אַיינְגֶעזַאפְּט אִינֶעם קֶערְפֶּער אוּן בְּלַייבְּט דָארְט שְׁטֶענְדִיג, הָאבְּן זֵיי מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דֶער מָן וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן אִין זֵייעֶר קֶערְפֶּער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן דוּרְךְ דֶעם. דֶערְצֵיילְט דֶער פָּסוּק: "וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶערֵייצְט אִין דֶעם פאלק דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלֶענְג, שְׁלֶענְג וָואס פַארְבְּרֶענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכְ'ן גִיפְט וָואס זֵיי הָאבְּן צְווִישְׁן זֵייעֶרֶע צֵיינֶער, "וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וַיָּמָת עַם רָב מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן דֶעם פָאלְק אוּן עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אַ גְרוֹיסֶע טֵייל פוּנֶעם פָאלְק; זֶענֶען דִי אִידְן גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעזָאגְט: "חָטָאנוּ כִּי דִבַּרְנוּ בַה' וָבָךְ", מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַז מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף דִיר, "הִתְפַּלֵּל אֶל ה' וְיָסֵר מֵעָלֵינוּ אֶת הַנָּחָשׁ", בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אָפְּטוּן פוּן אוּנְז דֶעם שְׁלַאנְג, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף", מַאךְ פַאר דִיר אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ בְּרֶענֶעדִיגְן שְׁלַאנְג, "וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס", אוּן לֵייג אִים אַרוֹיף אוֹיף אַ שְׁטַאנְג, "וְהָיָה כָּל הַנָּשׁוּךְ וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי", אוּן עֶס וֶועט זַיין יֶעדֶער וָואס גֵייט וֶוערְן גֶעבִּיסְן זָאל עֶר זֶען דֶעם שְׁלַאנְג אַזוֹי וֶועט עֶר בְּלַייבְּן לֶעבְּן. זָאגְט דִי תּוֹרָה: "וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה נְחַשׁ נְחֹשֶׁת וַיְשִׂמֵהוּ עַל הַנֵּס", מֹשֶׁה הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁלַאנְג פוּן קוּפֶּער אוּן עֶס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם שְׁטַאנְג, "וְהָיָה אִם נָשַׁךְ הַנָּחָשׁ אֶת אִישׁ וְהִבִּיט אֶל נְחַשׁ הַנְּחֹשֶׁת וָחָי, "אוּן עֶס פְלֶעגְט זַיין אוֹיב דֶער שְׁלַאנְג פְלֶעגְט בַּייסְן אַ מֶענְטְשׁ פְלֶעגְט עֶר קוּקְן צוּ דֶעם שְׁלַאנְג פוּן קוּפֶּער אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט:) "וְכִי נָחָשׁ מֵמִית אוֹ נָחָשׁ מְחַיֶּה?" צִי קֶען דֶען אַ שְׁלַאנְג הַרְגֶ'ענֶען אָדֶער מַאכְן לֶעבְּן? "אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְרַפְּאִין; וְאִם לָאו, הָיוּ נִמּוֹקִים", נָאר וָואס דֶען, וֶוען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן אוֹיב זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יז, יא): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק", וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִין דִי הַייעך הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶר הָאט אָראפְּגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט הָאט זִיךְ עֲמָלֵק גֶעשְׁטַארְקְט, אִיז שְׁוֶוער: "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה", צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן? "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "הָאט'ס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק". דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כה): "מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס הָאט דִינִים זָאל קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְ'ן הִימְל; דֶער רֶבִּי נוּצְט דֶעם לָשׁוֹן 'יִסְתַּכֵּל', וָואס דָאס מֵיינְט 'קוּקְן מִיט כַּוָּנָה', עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דָאס אַז מֶען קוּקְט צוּם הִימְל, דָאס טוּט דָאךְ יֶעדֶער, אֲפִילוּ

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "**וְאָמַר: נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן 'מֶען זָאל טוּן', "**שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד**", עֶס זָאל זַיין אַ חִיּוּב פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, "**לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא**", צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, אַ מִשְׁנָה, צְוֵויי מִשְׁנַיוֹת, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת; אַן עָמוּד גְמָרָא, אַ דַף גְמָרָא, צְוֵויי דַפִּים גְמָרָא.

<<<<<<

### א גוט ווארט

דָאס אִיז דֶער חָק פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה, (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, שָׁם): "כָּל הָעוֹסְקִין בַּפָּרָה מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, מְטַמְּאִין בְּגָדִים", דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק מִיטְ'ן רֵיינִיגְן דִי טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן - דֶער וֶוערְט טָמֵא, אָבֶּער: "הִיא גּוּפָהּ מְטַהֶרֶת בְּגָדִים", עֶר אַלֵיינְס מַאכְט יֶענֶעם טָהוֹר; פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז דָאס זֶעט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן. עֶס קוּמְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט חֲטָאִים פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס - בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים; עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן גֶעבְּט אִים עֵצוֹת ווִי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר טוּט אִים אָן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער; צוּבִּיסְלֶעך הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אִים אַז עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ אוּן דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ וַוייטֶער אַרָאפּ צוּ אִים, עֶר לֶערְנְט אִים שֵׁיינֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאלְן לֶעבְּן, בִּיז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְטַהֵר דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן 'לְטַהֵר טְמֵאִים', אָבֶּער יֶעצְט וֶוערְט 'לְטַמֵּא טְהוֹרִים' דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז דֶער כֹּהֵן - דֶער צַדִּיק - וָואס הָאט אִים אָפְּגֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן טָהוֹר - אִיז גָאר טָמֵא.

אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מִיר זָאלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דֶעם כֹּהֵן וָואס מַאכְט אוּנְז טָהוֹר; מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען פַאר מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז וַוייטֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שְׁמִינִי תשע"ט)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פַאר**ְ**וָואס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוערֶער שְׁמִירַת עֵינַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר פַארְוָואס עֶס קוּמְט דִיר אָן הַיינְט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶער וִוי אַמָאל פַאר דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ', אוּן דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ הַאלְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיס וְכוּ'; אִיךְ וֶועל דִיר פַארְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דָאס וֶועט דִיר זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק. חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן (סֻכָּה נב.) אַז אַבַּיֵי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ מִיט אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי צוּ גֵיין צוּזַאמֶען שְׁפַּאצִירְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, הָאט אַבַּיֵי גֶעזָאגְט 'אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנְטֶער זֵיי, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירָה', עֶר אִיז זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען דְרַיי פַּרְסָה, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן: "אַ שָׁאד אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ שׁוֹין צֶעטֵיילְן נָאךְ אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע שְׁמוּעֶס", הָאט אַבַּיֵי גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין אַזַא נִסָּיוֹן', אוּן אַבַּיֵי אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּיים טִיר פוּן שְׁטָאט, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין - פוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אַז דָא זֶעט עֶר צְוֵוי פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן צוּזַאמֶען אַ לַאנְגֶע שְׁטִילֶע וֶועג, אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן קֵיין עֲבֵירָה, אוּן עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין וְכוּ'. אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "שְׁטַארְק דִיר אַבַּיֵי, אוּן זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, וַוייל 'כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ', וִוי גְרֶעסֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'; דוּ טְרַאכְסְט 'אַמָאל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט דִי סָארְט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת', דָאס אִיז, וַוייל אַמָאל בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי הַיינְט צוּ טָאגְס, דֶערְפַאר וִויל דִיר דֶער יֵצֶר הָרַע אַרָאפּ וַוארְפְן; דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען יָארְן בַּיים יֵצֶר הָרַע אִין טַאשׁ, פְּלוּצְלִינְג הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעשְׁנִיטְן אַ לָאךְ אוּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן דָארְט, וָואס טְרַאכְסְטוּ, אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט דִיר אָפְּלָאזְן? וָואס מֵיינְסְטוּ, דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט דִיר נִישְׁט וֶועלְן צוּרִיק כַאפְּן צוּ זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע?

אָבֶּער זָארְג נִישְׁט טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ: "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין יֵאוּשׁ; אוּן ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַ"ל פְלֶעגְט זָאגְן: "אֵיינְמָאל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן 'קֵיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען', קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם טַאנְצְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן". שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

קוּק צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט סֵיי אוֹיף דֶער וֶועלְט סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ בְּקָרוֹב, אָמֵן.

**זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשע"ז)

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לְהַבְדִּיל גּוֹיִם קוּקְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן הִימְל צוּ בַּאטְרַאכְטְן דִי נַאטוּר פוּן דִי וֶועלְט, אָבֶּער דֶער עִיקָּר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז דָאס זִיךְ דֶערְמָאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערמָאלְט עֶפֶנְט זִיךְ דָאס הָאָרֶץ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי פַאלְן אַוֶועק אַלֶע דִינִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן טָאג: 'הִתְבּוֹדְדוּת'

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר זָאגְנְדִיג אַז עֶר הֵייבְּט נִישְׁט אָן זַיין טָאג אֵיידֶער עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין הוֹיז אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אַ בֶּענְקְל אוּן מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר שְׁמוּעֶסְט פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן זַיין טָאג; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַז מֶען רֶעדְט - פּוֹעֶלְ'ט מֶען", אִיךְ זֶע אַז מֶען פָּאלְגְט דִי דְּרָשׁוֹת וָואס מֶען הֶערְט, אַז אִיךְ קֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי עֶנְק צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן טוּן דַיינֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל פַּרְשַׁת חֻקַּת תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

"**וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד**", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "**שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה**", זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאסְטֶקֶע, "**עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִשֵּׁזְבָן**", זֵיי טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

"**אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד**", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "**דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס**"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס הָאבְּן מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יט, ב): "**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה**", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט טָמֵא פוּן אַ מֵת, אַן אֲבִי אָבוֹת טוּמְאָה, פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים וַוייל זַיין שְׁפֵּייעֶכְץ קֶען נָאךְ מְטַמֵּא זַיין דִי קְלֵיידֶער, זָאל עֶר קוּמֶען צוּם כֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן וֶועט שְׁפְּרִיצְן אוֹיף אִים דִי אַשׁ פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן רֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמב): טְרַאכְטְן 'מַחֲשָׁבוֹת' פוּן נִיאוּף, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז 'טֻמְאַת מֵת', אֲבִי אָבוֹת הַטֻּמְאָה. זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז נָאךְ דָא אַן עֵצָה זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן, דוּרְךְ דִי אַשׁ פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה.

### וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סֶדְרָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן עִנְיָנִים זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען אוּן הַיינְט נִישְׁט, נָאר מֶען דַארְף זוּכְן וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר אוּנְז, דַארְף מֶען זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען הָאבְּן אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג דִי אַשׁ פוּנֶעם 'פָּרָה אֲדוּמָה'? נָאר דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא פו:): "**וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ** (הוֹשֵׁעַ יד, ג)", אוּנְזֶער לִיפְּן אִיז אַנְשְׁטָאט דִי קָרְבָּנוֹת.

### דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי שִׂיחָה: "**וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד**", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

## ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, עֶר אִיז רָגִיל אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

## דֶער סִימָן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד

דֶער סִימָן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד אִיז אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ 'מִשְׁנַיוֹת' מִיט זִיךְ, אִין זַיין קַאר, אִין זַיין טַאשׁ, וֶוען עֶר הָאט נָאר אַפָּאר מִינוּט לֵיידִיג נֶעמְט עֶר דֶעם מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הַאנְט אוּן לֶערְנְט אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאֶרֶץ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז מִיט דִיר? יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט לוֹיפְסְטוּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם טֶעלֶעפָאוֹן! וָואס שְׁפִּילְסְטוּ מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן? דוּ הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אַ גְרוֹיעֶ בָּארְד?! אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט: "מַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִיז כָּשֵׁר!" – פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ, אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'ֶע טֶעלֶעפָאוֹן, אִיךְ רֶעד פוּן אַ כָּשֵׁר'ֶע טֶעלֶעפָאוֹן, אִין דֶעם כָּשֶׁרְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן קוּקְסְטוּ אוּן קוּקְסְט אוּן קוּקְסְט אָן אוֹיפְהֶער... אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן, זַיין פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן יֶעדֶע בִּילְד וָואס יֶעדֶער נַאר לֵייגְט אַרוֹיף, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק!

## דִי תּוֹרָה הָאט עֶס גֶעמַאכְט!

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעטוּן, אוֹיבּ וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועט עֶר אֵיין טָאג וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זֶע שׁוֹין יָארְן, אִיךְ הַאלְט מִיט בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין יְשִׁיבָה, זֵיי הֵייבְּן אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, פְּלוּצְלִינְג זֶענֶען זֵיי נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען, זֵיי טוֹישְׁן זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן.

מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ אוֹיף דֶעם בָּחוּר: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר? וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ?' אוּן מֶען קוּמְט מִיר זָאגְן: **"אִיךְ זֶע וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט מִיט דֶעם בָּחוּר"**, זָאג אִיךְ: **"אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמַאכְט?! דִי תּוֹרָה הָאט עֶס גֶעמַאכְט!"** אִיךְ קֶען נִישְׁט טוֹישְׁן קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיינְס גֶעטוֹישְׁט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען וִוי עֶר טוֹישְׁט זִיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי 'אַשׁ' פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה, וָואס אִיז 'אַשׁ'? אַשׁ אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט אַשׁ, אָבֶּער דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ אָפּ מִיט דִי אַשׁ, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ צוּ דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן.

## תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ', אוּנְזֶער לִיפְּן אִיז אַנְשְׁטָאט דִי קָרְבָּנוֹת - מֵיינְט נָאךְ אַ זַאךְ, דִי זַאךְ

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִין תּוֹרָה, וֶוען מָאוִויס אִיז מִיר גֶעשְׁמַאקֶער?

*שְׁאֵלָה:*

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,*

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ לֶערְנֶען? אִיךְ הָאבּ אַ חַבְרוּתָא בַּיינַאכְט אָבֶּער מַיין קָאפּ פְלִיט מִיר אַרוּם.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין לֶערְנֶען, אִיךְ פִיל נָאר אַ גֶעשְׁמַאק אִין קוּקְן מָאוִויס אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ ווִיל אוֹיפְהֶערְן וַוייל מַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין עֶלְטֶער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקַנֵּא וֶוען אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער וֶוען אִיךְ זֶעץ זִיךְ לֶערְנֶען אִיז עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן מַיין קָאפּ פְלִיט שְׁנֶעל אַוֶועק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיין אִיבֶּער דַיין שְׁאֵלָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי שְׁאֵלָה - לִיגְט דִי עֶנְטְפֶער. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן, דַיין קָאפּ פְלִיט אַוֶועק בַּיים לֶערְנֶען, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אַ שׁוּרָה נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל אִין קוּקְן מָאוִויס, - דָאס אִיז דִי עֶנְטְפֶער; וַוייל אַז דוּ קוּקְסְט מָאוִויס, דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - נוּ, וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס טְרַאכְסְטוּ, נָאכְן קוּקְן עֲבֵירוֹת ווִילְסְטוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען? קוּקְן נִיאוּף פַארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ אוּן דִי מֹחַ, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם אִין רוּחָנִיוּת אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן.

אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת. זַיי מְקַיֵּים דִי מִצְוָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (דְבָרִים יב, ג): "וְנִתַּצְתֶּם אֶת מִזְבְּחֹתָם וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת מַצֵּבֹתָם, וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ, וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן, וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם מִן הַמָּקוֹם הַהוּא"; דִי כֵּלִים אִיז אַ שְׁטִיק עֲבוֹדָה זָרָה, גִלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים; צֶעבְּרֶעךְ דִי כֵּלִים, וַוארְף אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶעס אוּן זָאלְסְט זִיךְ אַסַאךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה: "**וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דַיין תּוֹרָה, מַאךְ מִיר גֶעשְׁמַאק דַיין תּוֹרָה, **"וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ"**, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, **"וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ"**, אוּן מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, **"כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ"**, אַלֶע זָאלְן מִיר ווִיסְן פוּן דִיר, דִיר דִינֶען אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סִידוּר עֵת רָצוֹן, בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם): "וּצְרִיכִים לִשְׁפֹּךְ דְּמָעוֹת כַּמַּיִם בְּאָמְרוֹ וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ", מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן בַּיי דִי וֶוערְטֶער וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, "כִּי הַכֹּל תָּלוּי בִּקְדֻשַּׁת הָעֵינַיִם", וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אוֹיגְן; "כִּי אִם אֵין הָאָדָם נִזְהָר בִּשְׁמִירַת הָעֵינַיִם רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן", אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, "וּמִסְתַּכֵּל בִּמְקוֹמוֹת הַמְזֹהָמִים", מֶען קוּקְט אִין שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער, "עַל יְדֵי זֶה נֶחֱשָׁכוֹת עֵינָיו", וֶוערְט פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן, "וְאֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיָּאִירוּ עֵינָיו בַּתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, "כִּי מִי שֶׁפּוֹגֵם בְּעֵינָיו, אֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיִּצְטַיֵּר לוֹ הָאוֹר לִבְרָכָה", וַוייל אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעפִיל אִין דִי תּוֹרָה.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, בֶּעט אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, בֶּעט אִים אַזוֹי לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה) אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט.

אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בִּבְרִית, וָואס אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיְחִי ריט:) אִיז מַשְׁמַע אַז וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען 'אַפֵּי שְׁכִינְתָּא', עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): **"הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה; עֶר הֵייבְּט אָן צוּ בַּאקוּמֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרַיין, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג פַאר אִים, און לִכְאוֹרָה אוֹיבְן אוֹיף אִיז דֶער מֶענְטְשׁ טַאקֶע אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן, וִוי קֶען זַיין אַז אַזַא מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאךְ קֶענֶען צוּרִיק כַאפְּן, עֶר הָאט דָאךְ קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי תוֹרָה, קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים?! אָבֶּער אֵיין עֵצָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר אִים: 'תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת'.

דֶער רֶבִּי הָאט פַאר דִיר אַ וֶועג, שְׁטוּפּ זִיךְ אַרַיין אָן קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ דוּ הַאלְסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, דוּ שְׁפִּירְסְט נָאכְנִישְׁט קַיין טַעַם אִין הִתְבּוֹדְדוּת, קוֹדֶם רֶעד, רֶעד דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל יָא זַיין גוּט, אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס און אֲפִילוּ אִיךְ פַאל, וִויל אִיךְ זַיין גוּט"**, דָאס אִיז דָאךְ אַ זַאךְ וָואס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, און דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, וֶועט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ צוּרִיק אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט זִיךְ אִים צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן, עֶר וֶועט אִים צוּרִיק לִיכְטִיג וֶוערְן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, אַ טַעַם אִין מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

**"וְכָל עִקַּר מְגַמָּתוֹ וְחֶפְצוֹ הָיָה תָּמִיד רַק לַעֲבָדוֹת וַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה"**, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דֶעם רֶבִּי'נְס גַאנְצֶע זַאךְ, אֵיין זַאךְ, מִיר זָאלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן, **"בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל"**, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, **"רַק שֶׁנַּעֲסֹק תָּמִיד בַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בִּפְשִׁיטוּת"**, נָאר טוּן גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, **"דְּהַיְנוּ לְהַרְבּוֹת בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה"**, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא, **"וְלַעֲשׂוֹת מִצְוֹת הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם"**, און טוּן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִצְוֹת, **"וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים תָּמִיד וְהַכֹּל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת"**, און אַסַאךְ פַארְמֶערְן אִין תְּפִילוֹת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

**"וְהִזְהִיר מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, אֲפִילוּ עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, עֶר וַואשְׁט זִיךְ אָפּ מִיט דִי אַשׁ פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה, דַארְף עֶס אָבֶּער צוּגֵיין מִיט שִׂמְחָה. **"וְהִרְבָּה מְאֹד לְדַבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה, מֵעִנְיַן שִׂמְחָה כַּמְבֹאָר בַּסְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַךְ יוֹתֵר מִזֶּה – הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ בְּעַל פֶּה וְהִזְהִיר מְאֹד בְּכַמָּה אַזְהָרוֹת כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד"**, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז און אַסַאךְ גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן זֶען צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל פַּרְשַׁת חֻקַּת תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# שיינע חומש סעודות היינט אין תלמוד תורה היכל הקודש אין וויליאמסבורג און אין שטעטל

אין שטעטל איז היינט יום טוב, די קינדער האבן אנגעהויבן לערנען חומש, און היינט האט מען געפראוועט דעם גרויסארטיגן חומש סעודה.

די קינדער האבן ארייננמארשירט אין גרויסן זאל פון תלמוד תורה אנגעטון מיט די הערליכע קרוינען אויפן קאפ, ממש ווי בני מלכים. די קינדער האבן געזונגען ווארימע שיינע תורה ניגונים, דער מלמד מו"ה בערל שניטצלער הי"ו האט געגעבן די געלעגענהייט פאר יעדן קינד עקסטער צו זינגן סאלא, עס האט געהאט אלע טעמים צו זען די תמימות וואס די קינדער האבן, ווי זיי זינגען אזוי תמימות'דיג אז די תורה איז מיין לעבן, און תורה איז די בעסטע סחורה אויף די וועלט, און אזוי ווייטער.

דער חשובער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א האט מכבד געווען דעם דיין שליט"א - וואס האט א קינד אין כיתה א׳ צו רעדן אפאר ווערטער. דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט אז רבי שמעון האט געזאגט כי לא תשכח מפי זרעו, אויב איז דא קינדער וואס לערנען די הייליגע תורה, וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן פון אידן. און דאס איז די געוואלדיגע שמחה וואס מען האט דא יעצט, אז מען זעט ווי מען גיבט אריין די קינדער א געשמאק צו לערנען תורה, און דאס ליב האבן מיט די גאנצע הארץ. די קינדער בלייבן נישט קיין קינדער, זיי וועלן עלטער ווערן איין טאג, און בלייבן מיט דעם געשמאק פון ליב האבן די תורה מיט די מצות.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א מכבד געווען מו"ה אהרן וועבערמאן שליט"א - וואס האט צוויי אייניקלעך אין כיתה א׳ צו רעדן אפאר ווערטער. ר׳ אהרן האט ארויסגעברענגט דאס וואס מען זעט אין די סדרה אז די מרגלים האבן זיך נישט אפגעלערנט פון די פרשה פון מרים אז מען טאר נישט רעדן קיין לשון הרע אויף צדיקים. ברוך השם דא זעט מען אז מען טוט דאס פארקערטע, מען לייגט אריין אין די קינדער א געשמאק צו די תורה וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, און אונז גיימיר ווייטער אויף דעם וועג פון ארייגלייגן אין די קינדער אז זיי זאלן האבן אמונת חכמים. מען לעבט מיט דעם אני מאמין באמונה שלימה שכל התורה המציה עתה בידינו למשה רבינו עליו השלום.

דענאך האט דער חשובער מלמד מו"ה בערל שניטצלער הי"ו גערעדט אפאר ווערטער, ארויסברענגענדיג די דאנק צום אייבערשטן אז מען האלט שוין דא סוף יאר, וואס מען קען שוין ענדליך זען די נחת פון די חשובע קינדער, ווי גוט זיי לערנען די עברי, און ווי גוט זיי קענען דאס ברוך השם. ווי אויך האט ער געדאנקט אלע עלטערן וואס פארשטייען די חשיבות פון איבערגיין די עברי מיט די קינדער, וואס דאס מאכט אז מען זאל דאס קענען גוט פאר א גאנץ לעבן.

דערנאך האט מען אויסגעטיילט פאר יעדן קינד א סידור אויסגעקריצט די נאמען דערויף, מיט א פעקל.

ביים סוף האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ, די טאטעס, זיידעס צוזאמען מיט די קינדער, זיך פרייען צוזאמען פאר די גרויסע זכי׳ וואס מען האט אז מען שיקט די קינדער אין חדר, און מען ציעט זיי אויף אויפן וועג פון די תורה, אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

די זעלבע זאך האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג, ווי דארט האט אויפגעטרעטן דער מלמד מו"ה נחמן ניישטיין הי"ו וואס האט ארויסגעברענגט אז ויקרא האט א קליינע א׳ אז מען לערנט אויס די קינדער פון די פריסטע יוגענט אז אלעס וואס מען דארף דארף מען בעטן דעם אלופו של עולם.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט ארון ארויסגעברענגט פארוואס מען מאכט מען אזא גרויס עסק פון א חומש סעודה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז די וועלט מאכט א גרויסע עסק פון געלט, ווייל אויף דעם קוקט מען ארויס, אבער ווען משיח וועט קומען וועט קיינער מער נישט וועלן אנקוקן געלט, און דערפאר מאכט מען ביי ערליכע אידן א גרויסע עסק פון די חומש, ווייל דאס איז חשוב, און אויף דעם קוקט מען ארויס.

כי טוב סחרה מכל סחורה!


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק גולדווי** הי"ו צפת

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

החתן **נחמן יהושע איינהארן** הי"ו

בן מו"ה **שאול חיים** הי"ו סטעטן איילענד

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **שמחה יאקאבאוויטש** הי"ו בארא פארק

***

מו"ה **חיים יאקאבאוויטש** הי"ו אלעד

גבאי ביהמ"ד היכל הקודש אלעד

להולדת הבת למזל טוב



## וואס איז א חבר?

**אן קיין ניבול פה! אן קיין ליצנות אויף יעדע דבר שבקדושה!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,1,10,2,38**



כולל היכל הקודש — בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**התודה והברכה**

א הארציגן דאנק לידידנו היקר

מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו

פארן מנדב זיין

**פרנס השבוע – פרשת חוקת**

און דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דער לימוד התורה פון די לומדי הכולל

בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**



**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**